# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.....................4:22

מוצאי שבת קודש............5:54

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..............................איוב ט"ו

בבלי..........................זבחים קי"א

ירושלמי.........................נזיר ל'

תוספתא.........................נדה ז'

רמב"ם..........................ממרים ג'


פרשת ויחי, י"ד טבת, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 14 (732)


# אַ וָואוּרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ג), אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לִיגְן פִילֶע מֶענְטְשְׁן אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁרֵייעֶן מִיט בִּיטֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, אוּן וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי פֵיינֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, שְׁרֵייעֶן זֵיי, "נֵיין נֵיין, מִיר דַארְפְן נִישְׁט דִי סָארְט עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת ה'", אוֹיךְ לִיגְן דָארְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָן קַיין קְלֵיידֶער אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס מִיט וָואס זִיךְ צוּצוּדֶעקְן, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טַאקֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן, "נֵיין נֵיין, דִי קְלֵיידֶער וֶועלְן אוּנְז גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, מִיר דַארְפְן הָאבְּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים זִיךְ אָנְצוּטוּן דֶערְמִיט". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "וואוּיל אִיז דֶעם וָואס זוֹכֶה צוּ עֶסְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ צוּטְרִינְקֶען עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן זִיךְ אָנְטוּן מִיט עֶפֶּעס מִצְווֹת".

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דָארְטְן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר זָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ אִים, אוּן מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א (פְּנֵי דָוִד, וַיְחִי) וָואס טַייטְשׁ דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק פוּן דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה, מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ, שְׁמֵנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ, מַעֲדַנֵּי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֵדֶן, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב פִירְט אַרַיין אִין גַן עֵדֶן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת אוּן אִין גָאר שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן, עֶר אִיז מַמָּשׁ מֻרְגָּל צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גָאר שְׁטַארְק אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דֶער אַרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי הֵיילִיגֶע וָואכְן זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָּל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן? יֶעדֶער אִיד זוּכְט אַ וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט אַז נָאר מִיטְ'ן פַאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן דֶעם גוּף קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָאס הַאלְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת. לָאמִיר אָבֶּער נֶעמֶען דִי זַאךְ, מִיר זָאלְן זִיךְ אַיינְשַׁאפְן אַ מִשְׁנַיוֹת, אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן אָנְהוֹיבּ אִין דִי רֵייעֶ, גֵיין אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶערְנָאךְ אָנְהוֹיבּ נָאכְאַמָאל פוּן אָנְפַאנְג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מִשְׁנַיוֹת'ל דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען בַּאוַוייזְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס וֶועט אוּנְז הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶעם קַבָּלַת פָּנִים דוּרְךְ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב, וָואס וֶועט אוּנְז אַרַיינְפִירְן גְלַייךְ אִין גַן עֵדֶן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיְחִי תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג".

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶּער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פֵייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם

<<<<<<

# א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, עֶס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פָּארֶעם נִישְׁט צוּ פַארְקְרִיכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד:) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵיי", פַּרְסֵי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, דָאס אִיז מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן; עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַּיינְט דֶעם אִיד, עֶר וִויל הַרְגֶ'ענֶען דֶעם אִיד, אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי? דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אַזוֹי וֶועט עֶר אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בַּאגְרִיס יֶעדְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן
... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דֶעם שַׁמָּשׁ אִין שְׁטֶעטְל ר' ... נֵרוֹ יָאִיר מִיטְן רֵייניגְן דִי טִישְׁל וואו עֶס לִיגְט דִי קַאוֶוע און זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס אִיז דָא קָאפְּס, קַאוֶוע, צוּקֶער און מִילְךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים; אַ אִיד קוּמְט אִין שׁוּל הוּנְגֶערִיג, דָארְשְׁטִיג, און מֶען גְרֵייט צוּ אַ גְלֶעזְל וַוארֶעמֶע טְרִינְקֶען, וַוארֶעמֶע קַאוֶוע, וַוארֶעמֶע טֵיי. מֶען וָואלְט וֶוען אוֹיךְ גֶעדַארְפְט לֵייגְן אַ מַאשִׁין מִיט קַאלְטֶע סֶעלְצֶער פַאר דִי וַוארֶעמֶע טֶעג, מִחַיֶּ' זַיין וֶוער עֶס קוּמְט נָאר אַרַיין אִין שׁוּל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גְרִיסְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, גְרִיס דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר, גְרִיס דֶעם מְנַהֵל, גְרִיס דִי חֲבֵרִים, דִי בָּחוּרִים, און אוֹיךְ אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ גְרִיסְן. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מִידָּה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, טו): "הֱוֵי מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל אָדָם", זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאגְרִיסְן; נִישְׁט וַוארְטְן יֶענֶער זָאל אָנְהֵייבְּן, נָאר דוּ זָאלְסְט יֶענֶעם פֶעדֶערְן און בַּאגְרִיסְן. דִי מִשְׁנָה זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת", זָאלְסְט זַיין אַ וֵויידְל פַארְן לֵייבּ, "וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לְשׁוּעָלִים", און נִישְׁט זַיין אַ קָאפּ פוּנֶעם פוּקְס. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר תּוֹרַת אָבוֹת): דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק מִשְׁנָה אִיז אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן שטענדיג בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דִי נַאטוּר פוּנֶעם לֵייבּ, אַ לֵייבּ הָאט דִי נַאטוּר פוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרֵייעֶן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער לֵייבּ דֶער קֶענִיג פוּן דִי חַיּוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ קֶענִיג, אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס הֶערְן וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיף מִיר, וָואס מֶען רֶעדְט הִינְטֶער מִיר, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, מֶען טוּט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, און אַ פוּקְס הָאט אַ פַארְקֶערְטֶע נַאטוּר, דֶער פוּקְס דְרֵייט זִיךְ אַלְץ אוֹיס הֶערְן וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט, וָואס מֶען רֶעדְט; דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיין בַּאגְרִיסְן אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּטְן טָאג, וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ? וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דָאס צוּ טוּן? "וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת", דוּרְךְ זַיין שְׁטַארְק וִוי דֶער לֵייבּ נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, הָאבְּן זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט, "וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לְשׁוּעָלִים", און נִישְׁט זַיין וִוי דֶער נַארִישֶׁער פוּקְס וָואס דְרֵייט זִיךְ אוֹיס קוּקְן וָואס דֶער זָאגְט און וָואס יֶענֶער זָאגְט; ווארויל אִיז דֶעם וָואס בַּאגְרִיסְט יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

א. הַתַּעֲנִית מוֹעִיל לְכָל דָּבָר. אַ תַּעֲנִית הֶעלְפְט פַאר יֶעדֶע זַאךְ.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט און גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דָארְטְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט און זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים און אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת און נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן און צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן און דֶערְהַאלְטְן, און אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל און אִים גֶעזָאגְט: "און וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד". דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'עֶר גוּטֶער חָבֵר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פֵייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת און שְׁוֶועריִקְייטְן, סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן; וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן און אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. און פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן מְקוֹרָב און דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. און רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק)

## שְׁמוּעֶסְן און גֶעדַאנְקֶען

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן אַנִיפָּאלִי זי"ע גֶעפְרֶעגְט פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע, "הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער, וִוי אַזוֹי בַּאוַוייזְטוּ אַזוֹיפִיל מוֹפְתִים?", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וַוייל מַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, "אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת וָואס אִיר וָואלְט גֶעטוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ וָואלְט אִיר זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם בְּאַהֲבָה אַחֲוָה וְרֵעוּת, וֶוען אֵיינֶער זָאל מְחַזֵּק זַיין דֶעם צְוֵוייטְן, און יֶעדֶער זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן".

כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע הִתְגַּלּוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען נָאר אִין דֶעם.

אַז דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, מַאכְט דָאס אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַארְ'ן צַדִּיק, און עֶר קוּמְט צוּ זֵיי. מִיט דִי אַהֲבָה און אַחְדוּת צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען זֵיי מַמְשִׁיךְ דֶעם צַדִּיק צוּ זִיךְ.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ע"ד-ע"ה)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רלד)

**תשפג**

פוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פַּארְטִיפְן אִין זַיין סֵפֶר, אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשִׁים אוֹיף דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ זַיין סֵפֶר, אוּן אַז מֶען קֶען וֶוערְן אַ שְׁטַארְקֶער בַּעַל מֹחַ דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר, וַוייל עֶס לִיגְט אִין דֶעם גָאר גְרוֹיסֶע קְלוּגְשַׁאפְט אוּן גָאר שְׁטַארְקֶע טִיפְקֵייט, אֲפִילוּ בַּיים עֶס לֶערְנֶען פָּשׁוּטֶערְהֵייט, אוּן אוֹיבּ וֶוען מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גַאנְצֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אוֹיךְ דִי פְּנִימִיּוֹת וָואס לִיגְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ טִיפֶערֶע פְּנִימִיּוֹת אִינֶעם סֵפֶר, וָואס מֶען זֶעט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

**תשפד**

דִי תּוֹרוֹת אוּן מַאֲמָרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זֶענֶען זֵייעֶר בְּרֵייט אוּן כְּלָלִיּוּתְ'דִיג, עֶס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט עֶס, וִוי מֶער מֶען חַזְרְ'ט עֶס, טְרֶעפְט מֶען יֶעדֶעס מָאל פְרִישֶׁע זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים, וָואס לַייכְטְן אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן מַאכְט גוּט אוֹיפְ'ן הַארְץ.

דֶער סֵפֶר אִיז זֵייעֶר טִיפְזִינִיג, סֵיי מִיטְ'ן פָּשׁוּטְ'ן פְּשַׁט אוּן סֵיי מִיט דִי סוֹדוֹת אוּן נִסְתָּר וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִינֶעוֵוייְנִיג, וָואס אִיז מַמָשׁ אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי סוֹדוֹת אוּן כַּוָּנוֹת פוּן יֶעדֶע מִצְוָה, וִוי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "עֵץ חַיִּים", אוּן "פְּרִי עֵץ חַיִּים", אוּן אִין יֶעדֶע תּוֹרָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז דָא אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן דִי אַלֶע כַּוָּנוֹת. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אִין דִי תּוֹרָה "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ג) לִיגְט אִין דֶעם דִי סוֹדוֹת אוּן כַּוָּנוֹת פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, כָּאטְשׁ וָואס עֶס וֶוערְט בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין דִי תּוֹרָה גָארְנִישְׁט וֶועגְן לוּלָב, אוּן אִין דִי תּוֹרָה "בִּקְרֹב עָלַי מְרֵעִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ו; אָדֶער חֵלֶק א', סִימָן ק"א) לִיגְט דָארְט בַּאהַאלְטְן דִי כַּוָּנוֹת פוּן קִידוּשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִין אַסַאךְ אַנְדֶערֶע תּוֹרוֹת.

מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַאכְן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן "עֵץ חַיִּים", אָבֶּער אַ פָּשׁוּטֶער פֵּירוּשׁ פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן תּוֹרָה וָואס דָאס זָאל זַיין דֶער פֵּירוּשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַסַאךְ תּוֹרוֹת וָואס הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיטְ'ן "עֵץ חַיִּים".

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר "עֵץ חַיִּים", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "הָאסְטוּ

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אַבִּיסְל רֵייכֶערְן, צוּ בַּארוּאִיגְן דִי נֶערְוֶועְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גוּטֶע לֶעבְּן בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת וָואס אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן.

אִיךְ לַייד אַסַאךְ פוּן מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ מִיר אִין קָאפּ, עֶס מַאכְט זִיךְ טֶעג וֶוען אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דָאס רֵייכֶערְן אַ צִיגַארֶעטְל בַּארוּאִיגְט מִיר דִי נֶערְוֶועְן, נִישְׁט מַמָשׁ רֵייכֶערְן רֶעגְלְמֶעסִיג, נָאר כַאפְּן אַמָאל אַ צִיגַארֶעטְל דָא אוּן דָארְט אַבִּיסְל.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן צוּ רֵייכֶערְן אַבִּיסְל פוּן צַייט צוּ צַייט, וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף עֶס הָאבְּן ווִיכְטִיג פַאר מַיינֶע נֶערְוֶועְן, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק נִישְׁט צוּצוּרִירְן צוּ קַיין צִיגַארֶעטְל בִּכְלַל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

רֵייכֶערְן בַּארוּאִיגְט נִישְׁט, רֵייכֶערְן צִיט מֶער אָן דִי נֶערְוֶועְן; לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּארוּאִיגְט דִי נֶערְוֶועְן, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בַּארוּאִיגְט דִי נֶערְוֶועְן; זָאג מִשְׁנַיּוֹת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען גֶעזוּנְטֶע שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועְן.

רֵייכֶער נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֵייכֶערְן (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רעג, תעב). מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת, לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת", אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת" (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפה), אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַנַ"ת אִיז פַאר אוּנְז אַלֶע גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן".

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג. עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי תּוֹרָה (הַדְרָכָה ו): **"תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בְּלִי פֵּירוּשׁ בְּכָל יוֹם"**, זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אָן קַיין טַייטְשׁ, **"כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים"**; אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ, **"כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ"**, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְצְן לֶעבְּן. אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ (אוֹר צַדִיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): **"טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת בְּכָל יוֹם"**, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, **"וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת, מַה טוֹב וּמַה נָּעִים"**, אוּן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי אַכְצְן וֶועלְטְן, אוֹי וִוי זִיס אוּן אוֹי וִוי גוּט וֶועט אִים זַיין, **"יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ"**, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זֵיי, **"כִּי הוּא תִּיקוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד קֵל חַי"**, וַוייל מִיטְן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען מְתַקֵן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען דִי אַלֶע נֶערְוֶועְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ. **"וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע"**, אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, **"גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה"**, אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַשׁ תשפ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

גֶעזֶען וָואסְפַארַא טֵייעֶרֶע מוּסָר סֵפֶר דָאס אִיז", דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ אַז אַלֶע כַּוָונוֹת פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל דָאס נוּצְן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי"ן, קֶען מֶען מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע הַקְדָמוֹת זִיךְ מַאכְן אַ מַהֲלָךְ אוּן אַ וֶועג צוּ פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל דִי טִיפֶע קַבָּלָה זַאכְן פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר אוּן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, עֶס צוּ נוּצְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, עֶס זָאל מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים וַוייזְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם (זֶע אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נַחֲלוֹת, הֲלָכָה ד', אוֹת ה', אוּן אִין הִלְכוֹת תְּפִלִּין, הֲלָכָה ה', אוֹת ל"ח).

אִין אַסַאךְ תּוֹרוֹת זֶענֶען מְרוּמָז דִי כַּוָונוֹת פוּן גֶעוִויסֶע מִצְווֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי תּוֹרוֹת וָואס זֶענֶען דִי לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אַלֵיין, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז מֶען קֶען מְדַקְדֵק זַיין דֶערִין אַזוֹי וִוי אִין מִקְרָא, וָואס דָארְט זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן מְרוּמָז פִילֶע כַּוָונוֹת. אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען דָארְט אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט זַאכְן עֶטְלִיכֶע מָאל, וָואס זֶעט אוֹיס אוֹיבְּנְאוֹיף וִוי עֶס וָואלְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען דָארְט זַייעֶר מְדַקְדֵק זַיין, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע כַּוָונָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל

א פרייליכע שטימונג האט געהערשט די וואך ביי אנשי שלומינו תושבי ארץ ישראל, מיט'ן קורצן אבער תוכנ'דיגן באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געפלאנט זיך ארויסצולאזן קיין ארץ ישראל נאך פאר שבת, און פראוון א שבת מיט אנשי שלומינו. למעשה איז ברוך ה' געבוירן געווארן אן אייניקל ביים ראש ישיבה שליט"א למזל טוב, און די קידוש איז אפגעראכטן געווארן אין שטעטל, האט זיך אפגעשטופט די נסיעה אויף נאך שבת.

זונטאג נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך ארויסגעלאזט קיין ארץ ישראל. גלייך ביים אנקומען איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעפארן קיין בני ברק וואו עס איז ארויסגעדינגען געווארן א גרויסער זאל פאר'ן גרויסארטיגן סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן זי"ע.

אנשי שלומינו האבן געהאט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, נאכ'ן זיך נישט זען פאר א לענגערע צייט, און נאכדעם וואס אנשי שלומינו האבן געמאכט אסאך תפילות אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל שוין קומען.

עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודה זיך צו וואשן, דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט זיין פרייד זיך צו טרעפן מיט אנשי שלומינו. דערנאך האט מען פארגעליינט שאלות וואס אנשי שלומינו האבן אריינגעשיקט צו פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א ספעציעל פאר דעם מסיבה, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט יעדע שאלה בטוב טעם ודעת, דאן האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט פונעם בעל הילולא רבי נתן זי"ע וואס האט אונז געלאזט א צוואה אז מ'זאל עוסק זיין אין הפצה, דאס איז געווען ממש פאר זיין הסתלקות, ער האט זיך אויסגעדרוקט "אייער עיקר עסק זאל זיין צו דרוקן די ספרים, 'יפוצו מעינותיך חוצה', ווי אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון נאך אסאך וויכטיגע נקודות וואס מ'דארף וויסן פאר'ן לעבן (מ'קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף "קול ברסלב").

במשך די פאר טעג וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געווילט אין ארץ ישראל האט ער באזוכט ביי די הייליגע מוסדות אין בני ברק, ירושלים, טברי'. אזוי אויך האט ער באזוכט ביי די ישיבה אין ירושלים עיה"ק, וואס ווערט געפירט דורכן מגיד שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשטעלט, מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א. אזוי אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין יבנאל זיך אויסצובעטן ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע.

די באזוך האט געגעבן גאר שטארקע חיזוק פאר אנשי שלומינו, וואס האבן זיך אויפגעפרישט פונדאסניי צו פאלגן די עצות און לימודים וואס מען הערט און מען לערנט פונעם ראש ישיבה שליט"א כסדר.

אזוי אויך האבן זיך אנשי שלומינו איבער דער גאנצער וועלט צוזאמגענומען און אפגעראכטן דעם גרויסן יארצייט, יעדער אין זייער געגנט, וואו מען האט ארומגערעדט פונעם גרויסן ירושה וואס דער הייליגער רבי נתן האט אונז איבערגעלאזט, א רייכע ירושה פון וועלכער מיר לעבן נאך ביז היינט.


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

מיר ווונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן

## ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א מיידל, ביי זיין איידעם**

מו"ה **נתנאל פארקאש** שליט"א
בן מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א
**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב קרית יואל**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אלי מזרחי** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי אפפעלדארפער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שלום יוסף ניישטיין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן יוסף קליין** הי"ו קרית יואל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה ווייצנער** הי"ו קאנאדא
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן נתן מימוני** הי"ו יבנאל
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **אליעזר שלמה** נ"י

***

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו קרית ברסלב
ראש כולל בוקר קרית ברסלב ליבערטי
**צו די אפשערן פון זיין זון יוסף נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון אברהם יודא נ"י למזל טוב**

## באזוך אין חדר

**הערט אן הערליכע רעקארדירונג ווי דער ראש ישיבה שליט"א גייט ארום אין אלע קלאסן פון חדר אין שטעטל אום זונטאג חנוכה**

# קול ברסלב

# 212-444-9191

**1, 2, 1, 12, 1, 48**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

# 718-387-2691

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >